**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פאראָרדענט פענער אראפגענידערט ווערן צו די האלבע הייעך אין עהרע פון געפאלענער ריטייערטער פארשער פּעטריק דזש. האָוגען**

***פענער וועלן זיין אויף די האלבע הייעך אום אפריל 19 און 20***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פענער אויף די סטעיט'ס געביידעס וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום אפריל 19 און 20 אין עהרע פון דעם אומגעקומענעם ריטייערטן פארשער, פּעטריק דזש. האָוגען.

"מיר האבן פארלוירן אן אמת'ער העלד און א פלייסיגער ארבעטער פאר די פובליק וואס פארשער פּעטריק דזש. האָוגען איז געווען, א מענטש וועמען'ס איבערגעגעבנקייט צו באשיצן און דינען זיין קאמיוניטי וועט שטענדיג געדענקט ווערן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארשער האָוגען'ס מסירות נפש און פארפליכטונג צו די מענטשן פון ניו יארק וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, און מיר זענען שולדיג פאר אים און פאר אלע וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך סעפטעמבער 11 צו פארזעצן די קאמף פאר זייער געזונטהייט און וואוילזיין."

אום אפריל 13, 2023 איז פארשער האָוגען אוועק פון די וועלט צוליב א קראנקהייט וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך די אויפגאבן מיט וועלכע ער איז באאויפטראגט געווארן אין ארום די וועלט האנדל צענטער שטח נאכפאלגנדיג די טערארר אטאקע אום סעפטעמבער 11, 2001. ער האט ריטייערט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי נאך 22 יאר פון איבערגעגעבענע דינסט אום מאי 30, 2018. פארשער האָוגען קומט פון וויינענטסקיל, ניו יארק, און ער האט איבערגעלאזט זיין ווייב און דריי קינדער.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418